

# עמי בבקשתי

## אֵיכָכָה אוּכַל וְרָאִיתִי בְּאָבְדַן מוֹלַדְתִּי

# א קלארקייט און איבערבליק איבער די לעצטערע נייעס ארום די ביטערע גזירת החינוך אין ניו יארק

דאס יהדות החרדית אין ניו יארק געפינט זיך אין א מורא'דיגער טומעל אין די לעצטערע טעג, דער גאס שטורעמט צוקוקענדיג וויאזוי די הייליגע מוסדות התורה טוהן ריאגירען צו די ביטערע פארלאנגען פון די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו עדיוקעישאן!

וואו מען גייט אין אלע ווינקלען פון גרעיטער ניו יארק איז דאס דער געשפרעך פון טאג, יעדער וויל וויסן צו האט מען יא געקומען א פעטוועי, צו נישט. וואס זענען די צדדים? פארוואס יא, אדער אפשר נישט? איינער זאגט מיט א זיכערקייט זיין מיינונג, און זיין חבר שטעלט זיך אנטקעגן, מיט א פעסטקייט אז די אנדערע מהלך מוז זיין די וועג!

אבער טייערע אידן! מיר דארפן וויסן אז מיט די אלע געשפרעכן ווערט באגלייט א מורא'דיגער אומקלארקייט אין דעם אמת'ע טריקענע מציאות, אז א גזירה נוראה שוועבט איבער'ן יהדות החרדית ווערט פארוואסערט! לאמיר נישט יעצט דן זיין וואס די מוסדות האבן יא געטוהן אדער נישט געטוהן, וואס איז יא ריכטיג און וואס נישט. דעס קען מען לאזן פאר שפעטער. דער עיקר איז קודם צו זיין באקאנט מיט דער פשוטע מציאות און פאקטן, און וואס פארא פלאנטער מיר געפונען זיך, לאמיר זיין זייער קלאר **"א גרויסע עת צרה ליעקב שוועבט איבער יהדות החרדית אין ניו יארק שלא היתה לישראל מיום שדרכו אבותינו על אדמת אמעריקא"**, און אוודאי אין אזא צייט איז אוודאי געזאגט געווארן 'לא עת לחשות'!

דער ציל פון דעם גליון איז, אז דער ציבור זאל פשוט וויסן דער אמת'ע מציאות און פאקטען וואס גייט פאר, אהן אריינצומישן קיין פאליטיק ח"ו, אדער עקסטרימיסטישע רייד, און אהן ח"ו צו בארעדן קיין שום איד, און כל שכן רבנים ומנהיגי ישראל שליט"א.

פאלגענד וועלן מיר שטעלן עטליכע פראגן פאר איינע פון דער גרעסטע עסקנים אין דעם פעלד, ער זאל אונז קלאר מאכן מיט עטליכע פון די שאלות וואס שווימן ארום ניו יארק אין די לעצטערע טעג.

## שאלה: דערצייל אונז אין קורצן וואס גייט דא פאָר, און וואס איז דער גזירה?

**תשובה:** אין אנהייב, נאך אין יאר תשע"ה האט מען אנגעהויבן הערן אז עס האט זיך פאָרמירט א באנדע מיטן נאמען **'יאפפעד'**, Young Advocates For Fair Education וואס דער ראשי תיבות דערפון אין ענגליש איז וואס איז אנגעהאָנגען מיט די טרויעריג-באַרומטע ארגענאזאציע **'פאָטסטעפס'** (Footsteps). זיי האבן אנגעהויבן מיט א שמוציגע העצע אין די צייטונגען און נאך פארשידינע מיטלען, קעגן דעם עדיוקעישאן פון דעם חרדישע אידנטום, און פאראורבעט מעשים רבים במשך די אלע יארן אז מ'זאל געבן די "רעכט" פאר די חרד'ישע קינדער פון די נאָן-פאבליק סקולס (היימישע מוסדות), צו קענען קלויבן זייערע אייגענע וועג אין לעבן, און זיי זאלן קענען רעספעקטן אלע רעיסעס (Races) און אלע סארט תהלוכי החיים, וואס אין דעם איז נכלל כל מיני גרופעס פון תועבה, רח"ל. זייער ציהל איז זייער קלאר און זיי זאגן עס אפן **"א קינד זאל נישט זיין געצוואונגען צו בלייבן אין זיין קאמיוניטי, נאר ער זאל קענען זיין אפן צו דער אינדרויסענדיגע וועלט, און אליין בוחר זיין וויאזוי ער וויל פירן זיין לעבן"!**

לאמיר רעדן אידיש! זייער ציהל איז אריין צוברענגן צוביסלעך אז מ'זאל קענען טוישן און צוברעכן דער חינוך פון דער פאנאטישע צוריק געבליבענע יהדות החרדית, און עפענען די ריינע הערצער פון די תינוקות של בית רבן צו אלע דריי עבירות רח"ל, און אזוי אויך די גאנצע גוי'שע הילוך החיים פון 2024! און דאס באדייט, צו ניבול פה, גילוי עריות, און כפירה ומינות, למשל צו לערנען די וועגן פון אלע רעליגיעס, און אלע זייערע גלויבינגען רח"ל, וואס דאס באגרעניצט

זיך מיט שאלות פון די הארבסטע עבירות פון יהרג ואל יעבור! אין דער שפראך פון חכמינו ז"ל ווערט דאס אנגערופן גזירת שמד! יעדער פארשטייט אז דאס איז זייער ציהל און טאמער ח"ו זענען זיי מצליח אפילו נאר למחצה לשליש ולרביע, גייט מען אריין אין די הארבע שאלות, און ס'איז נישטא קיין חולק דערויף, יעדער איינער איז מודה אויף דעם.

מ'דארף וויסן אז ס'איז דא אויף די אלע זאכן קריסטאל קלארע דאקיומענטען! זיי באהאלטן דאס בכלל נישט! פאלגנד איז א שטיקל פון אן ארטיקל אין דער צייטונג דער Jewish Press.


US Haredi Group Facing Uphill Battle Making Up for Poor Secular Education

By

Michael Orbach

Moster says that the organization is not shy about promoting a better education to allow people who want to leave the Chasidic community the ability to do so. But he was quick to add that the organization want to improve the lives of the people inside the Chasidic community.

אזוי אויך קען מען ליינען אן אפיציעלן בריוו וואס 'יאפפעד' האט געשיקט פאר דער רעגירונג און פאר די פאַלאָטישאָן'ס!


and increase their human understanding and tolerance... A State has a legitimate interest not only in seeking to develop the latent talents of its children, but also in seeking to prepare them for the lifestyle that they may later choose, or at least to provide them with an option other than the life they have led in the past." It is hard to argue that Hasidic schools are set up to foster a spirit of free inquiry, nor to prepare boys for anything other than life within their community. (See pp.31-40.)

**שאלה: רבי איד! איר רעדט נישט צו דער זאך! וויאזוי קענסטו גלייבן אזעלכע נארישקייטן? צו דען מיינסטו באמת אז אין אונזערע הייליגע מוסדות וועט מען לערנען די אלע זאכן??!**

**תשובה:** איר פרעגט זייער גוט! אוודאי איז קיין שום איינער פון אונזערע הייליגע מוסדות נחשד צו לערנען אזעלכע זאכן! אבער איידער איך קען ענטפערן א קלארע ענטפער דארף מען אביסל אין קורצן איבערגיין וואס דא גייט פאר, און מסביר זיין וואס פאר א געפאר שוועבט אויף דער חינוך פון אונזערע טייערע צאן קדשים. און ערשט דערנאך קענען מיר ענטפערן אייער פראגע.

דער רעגירונג האט פארלאנגט פון די מוסדות אז מ'זאל ענטפערן צו מ'נעמט אן א מהלך (פעטוועי) וויאזוי מ'וועט ווערן equivilent און אויסלערנען די זעלבע לימודים אזוי ווי מ'לערנט אין פאבליק סקול. (יא איר האט גוט געהערט...)

יעצט, דאס איז זיכער אז קיינער וויל נישט מיטגיין מיט אט דער שרעקליכע גזירה, און כולי עלמא מודי אז דער מצב איז גאר ביטער, אבער ווען ס'קומט למעשה, איז עס זייער שווער צו זאגן ניין איך וויל נישט גארנישט צושטעלן! ווייל למעשה פון דער אנדערע זייט איז דא ערנסטע שאלה פון פארלירען פאנדינג, און אונז ווייסן ווי געטריי און איבערגעגעבן אונזערע אדמיניסטרעיטער'ס זענען און וויפיל זיי מוטשענען זיך צו דעקן דער בודשעט ביז יעצט, אט צוליב דער שווערקייט טוהן אסאך טענה'ן אז דיה צרה בשעתה, פאר יעצט וועט מען נעמען א פעטוועי, און דערנאך וועט מען שוין זען ווייטער, און מ'וועט זיך שוין שפעטער אן עצה געבן...

**נו! דאס איז דאך א שטארקע טענה.**

דארף מען וויסן אז אלעס איז פיין און וואויל, אבער למעשה איז דאס זייער א מסוכנ'דיגע מהלך, ווייל דער רעגירונג ווייסט אויך פון אלע שפיצלעך און דריידלעך, און זיי האבן עס אויסגעשטעלט אויף א וועג אז מ'גייט זיך נישט קענען ארויסדרייען פון זיי, ס'איז דא גרייטע מוסרים וואס גייען אלעס נאכגיין און איבערגעבן פאר דער רעגירונג, און מ'וועט מוזן צושטעלן צום ווייייניגסטן רוב פון די לימודים וואס זיי פארלאנגען, וואס אין די בעסטע פאל רעכנט עס אריין אין זיך זייער אסאך גוי'שקייטן, און גוי'שע הילוך המחשבה מיט א האנטפול פון כפירה ומינות.*

און ס'איז א דבר פשוט אז די לעכטיגע פירות המתוקים וואס זענען אין דער פארגאנגענהייט ארויסגעקומען פון די הייליגע מוסדות, וועט שוין נישט זיין דער זעלבע אין דער עתיד. און לאמיר מסביר זיין, אז א משפחה שיקט זייער קינד צו א היימישע און שטארקע מוסד, האט ער געוויסע עקספעקטעישן'ס, וואס ער ערווארט זאל ארויסקומען פון זיין קינד דורך דער חינוך פון דעם מוסד. אזא טאטע-מאמע דארף וויסן מיט א קלארקייט אז טאמער האט דער מוסד ווי זיי שיקן גענומען א פעטוועי, וועט בדרך הטבע שוין נישט ארויסקומען דער זעלבע פירות ווי ביז היינט ווייל די קינדער גייען לערנען נייע מושגים וואס וועט אטאמאטיש אפקילן דאס אידיש הארץ...

* הערה פון א חשובע ת"ח און מו"ץ וואס האט איבערגעקוקט דעם גליון: "אפילו מ'גייט נישט קלאר ארויסזאגן עניני כפירה ומינות, אבער מ'גייט זיין פארנומען אז דער גוי זאגט אזוי, און דער גוי טראכט אזוי, און מ'איז מסביר פאר קינדער וויאזוי דער גוי קוקט אן דער וועלט, דאס אליין איז א געוואלדיגע חורבן, ווען אין די יונגע יארן דארף מען אריינלייגן גאר שטארק די יסודות פון א איד, די יסודות פון שאיפות אין עבודת ה' און אין אמונה ובטחון וכדומה. און דאס קען נישט גיין צוזאמען מיט די אלע לימודים".

פונקט אזוי ווי א חסידישע איד וועט נאטירליך שיקן צו א חסידישע מוסד און נישט צו א ליטווישע מוסד, הגם דער ליטווישע אידן זענען הייליג און טייער, אבער דער חסידישע עלטערן ווילן אן אנדערע סארט חינוך פאר זייער קינד. אזוי אויך דארף מען וויסן אז מיטגייענדיג מיט א פעטוועי' באדייט אז דער חינוך אין דער מוסד איז שוין בכלל נישט דער זעלבע ווי פריער, (הלוואי זאל עס זיין אזוי ווי די ליטווישע מוסדות) און ס'גייט נישט נעמען לאנג ביז ס'גייט זיין טוישינגען אין די לימודים צוביסלעכווייז.

נאך א וויכטיגע נקודה איז, אזוי ווי דערמאנט, א מוסד וואס האט אריינגעגעבן א פעטוועי', א מהלך אנצונעמען די גזירה, וועט ער מוזן עפעס (אדער אסאך) פון זייערע לימודים צושטעלן, און ווען מ'וועט אנפאנגען צו דן זיין אויף יעדער סאבזשעקט, און אויף יעדע נושא באזונדער צו ס'איז אויסגעהאלטן צו לערנען מיט די צאן קדשים אדער נישט, וועט שוין אין יענע צייט זיין גרויס דריק פון דער רעגירונג, דעמאלס וועט שוין זיין גאר שווער נישט צו טרעפן עפעס א היתר בשעת הדחק במקום הפסד מרובה, און אטאמאטיש וועט מען אומוועלנדיג, מיט א פארקלעמטע הארץ ח"ו אריינפאלן אין פשרות. און אזוי צוביסלעך קען עס גיין מטה מטה רח"ל.

איך וועל פארלייגען א משל, טאמער וועט מען לערנען וועגן א געוויסע רעליגיע, למשל די קריסטישע רעליגיע, און אלע אירע גלויבינגען ח"ו, [טאמער מיינט איר אז מדמיונ'ט אז מ'גייט לערנען אזעלכע זאכן דעמאלס הייבט אויף א טעלעפאון און רופט אייערע נאנטע אין לאנדאן און זיי מברר וואס דארט גייט פאר, איר וועט זיין ערשטוינט] אוודאי איז דאס ווייט פון לכתחילה, אדער אפשר אפילו אסור (עיי' רמב"ם הל' ע"ז פ"ב ה"ב, ובסה"מ ל"ת י'), אבער ס'קען זיין אז היות אז דער מוסדות מוז עפעס צושטעלן, און טאמער נישט וועלן זיי זיין אונטער דריק פון דער רעגירונג און אונטער א סטראשע פון פארלירן פאנדינג, וועלן זיי מוזן טרעפן עפעס א היתר, למשל, אז טאמער פירט מען אויס דער גאנצע שיעור פון דער קריסטישע גלויבינגען, וועט מען זאגן פאר די קינדער מיט א פעסטקייט אז דאס איז נישט אונזער מסורה און אונזער תורה האלט נישט אזוי! דעמאלס קען מען מתיר זיין בשעת הדחק...

פארשטייט דאך יעדער בר דעת אז דאס איז א גרויסע געפאר פאר דער עתיד פון אונזערע חינוך!

## שאלה: איך פרעג אייך נאכאמאל צו דען זענען אונזערע ראשי המוסדות וואס האבן גענומען א פעטוועי' נחשד אויף דעם?

**תשובה:** אוודאי נישט! מ'איז נישט דן קיינעם ח"ו מ'קען פארשטיין די פלאנטער וואס די מוסדות געפינען זיך דערין, ס'איז זייער א שווערע באשלוס צו אפמאכן, נאך דערצו אז מ'שפירט אז אפשר וועט מען דאך קענען שטיפן אביסל און זיך עטוואס א עצה געבן צום סוף. קיינער וויל נישט און זוכט נישט ח"ו צו לערנען אפילו א טראפ פון די זאכן וואס מ'פארלאנגט, נאר ס'איז אלץ בלית ברירה און מחמת ההכרח.

## שאלה: וואס האבן די מוסדות געטוהן למעשה?

**תשובה:** גאר אסאך היימישע מוסדות און קהילות קדושות האבן טאקע נישט גענומען א פעטוועי', ווי צווישן זיי סקווירא, באבוב-45, וויזניץ מאנסי, און אזוי אויך אלע מוסדות אין מאנסי, און אזוי אויך ישיבת רבינו חיים בערלין און נאך פילע מוסדות. און זיי זענען גרייט אויף מסירת נפש, און ווילן נישט הערן פון קיין פשרות, אבער ס'איז דא עטליכע וואס האבן אפגעמאכט אז די סעיפעסט וועג איז יא צו נעמען א פעטוועי'. (אנדערע רופן עס א אסעסמענט, א מהלך, בקיצור א צושטימונג אז מ'גייט מיטארבעטן מיט די בייזע פלענער פון דער רעגירונג) ווייל דער רעגירונג פארלאנגט עס און מ'האט נישט קיין ברירה, און די פאנדינג איז אין א גרויסע געפאר, ממילא וועט מען פראבירן צו גיין צווישן די טראפן און נישט דארפן טוישן גארנישט וואו ביז יעצט, און האפנטליך וועט מען בקרוב אויפשטיין און זעהן אז ס'איז נאר געווען א בייזע חלום.

## שאלה: ס'זעהט אויס פון אייער רייד אז איר האלט אז מ'טאר נישט נעמען א פעטוועי', און די אלע אויבנדערמאנטע מוסדות האבן געמאכט דער ריכטיגע באשלוס?

**תשובה:** איך נעם נישט קיין זייט, און איך מיש מיך נישט אין דער למעשה'דיגע החלטה, נאר מיין ציהל איז פשוט צו אינפארמירן דער ציבור מיט די טריקענע פאקטן.

**שאלה: מיר האבן געהערט אז זייער אסאך מוסדות האבן נישט אליין דורכגעטוהן דער נושא איז דאס אמת?**

**תשובה:** איך וויל באמת נישט אריינגיין דערין, אבער, יא, ס'איז געווען זייער אסאך מוסדות, בפרט און בעיקר אין בארא פארק וואס האבן געקוקט אויף אנדערע, און עטליכע מנהיגי ישראל שליט"א האבן געזאגט אז מ'זאל טוהן וואס אנדערע טוהן, וואס איז זייער א פארשטענדליכע הוראה, און אזוי ווי איך האב געזאגט פריער, איך בין נישט דא דן צו זיין קיינעם ח"ו אדער צו בארעדן קיינעם ח"ו, נאר צו אינפארמירן דער ציבור מיט דער מציאות.

**שאלה: טאמער זענט איר גערעכט אז דער באדייט פון נעמען א פעטוועי, מיינט אז דער עתיד החינוך איז אונטער אטאקא, פארוואס זעהט נישט יעדער איינער אז ס'שוועבט אויף אונזערע קעפ א ביטערע גזירה?**

יעצט לאמיר אויך מסביר זיין זייער א וויכטיגע זאך, ס'איז ברייט באקאנט די שרעקליכע געמיינע פעולות וואס די משכילים ימ"ש האבן געטוהן צו כלל ישראל פאר בערך הונדערט יאר צוריק. מ'דארף וויסן אז קיינער האט נישט געוויסט קלאר וואס גייט פאר, קיינער האט נישט גע'חלומ'ט וואס גייט אלץ ארויסקומען פון דער געפערליכע השכלה מאוומענט. ס'איז געווען א גרויסע בלבול הדעת ובלבול המוחין. צו דען מיינט איר אז מ'איז אריינגעקומען אין מארק און אויסגערופן מיט א גרויסע טראמפייטער: **מורי ורבותי! מ'זאל וויסן אז נעכטן האט זיך אנגעפאנגען א נייע תקופה אין כלל ישראל, ס'רופט זיך "תקופת השכלה"! טויזענטע אידן גייען פאלן פון דער אידישער וועג רח"ל דורך אירע שרעקליכע פעולות! שטייט'ס אויפן וואך!! ס'קען גאר זיין אז אייערע אייניקלעך וועלן שוין נישט וויסן אז זיי שטאמן פון אידן רח"ל!**

יעדער פארשטייט אז דאס איז נישט געווען דער מציאות, נאר ס'איז געווען א גרויסע בלבול הדעת, און מ'האט נישט געוואוסט וואס ס'גייט פאר און וואס פאר א געפאר שוועבט העכער זייער קעפ.

דא האבן מיר די זעלבע משכילים וואו אמאל, נאר זיי זענען אביסל מער אפדעיטעט נוסח 2024 און זייער ציהל איז זייער קלאר זיי זוכן איין זאך: **"שמד"!! יא כפשוטו, "שמד"!! להעביר על הדת!** און זיי טוהן עס אויף א לאנגזאמע וועג אז מיר זאלן נישט באמת באגרייפן וואס ס'גייט פאר, און צוביסלעך קומען זיי אן צו זייער ציהל ח"ו.

**שאלה: צום שלוס וואס איז למעשה?**

**תשובה:** איך בין נישט קיין דיין, און איך גיי נישט פסק'נען וואס מ'זאל טוהן למעשה, אבער מיין עיקר ציהל מיט מיינע רייד איז אז דער ציבור זאל פארשטיין דער ריזיגע געפאר וואס שוועבט איבער אונזער טייערסטע אוצר, דער לעכטיגע צאן קדשים, מ'וויל זיי נעבעך אוועק רייסן פון א גליקליך לעבן אויף ביידע וועלטן רח"ל! מ'זאל וויסן פשוט אז דער טריקענע מציאות איז מ'שטייט אין דער זעלבע אדער אפילו א גרעסערע געפאר וואו אין דער צייט פון די משכילים שר"י, און דער חשבון איז פשוט, די נסיונות פון פגעי הזמן זענען גענוג ביטער און שווער אן דער ביטערע גזירה! עד כדי כך אז הגאון רבי מתתיהו סאלאמאן זצ"ל האט געזאגט אין יאר תשס"ו פאר איינע פון די חשובע רבנים אין בארא פארק, אז ער דאנקט דער באשעפער אז ער דארף נישט אויפציהען קינדער אין אזא דור מלא נסיונות בכל צעד ושעל!

## עשה למען תינוקות של בית רבן

און מ'וועט נאר צולייגן אביסעלע לימודים, און דערנאך נאך אביסל, און אזוי ווייטער... תוצאותיו מי ישורנה... לאמיר טראכטן וויאזוי גייען אויסזעהן די בתי חינוך וואס האבן גענומען פעטוועי'ס אין פופצן יאר ארום. אדער גייען זיי זיך גענצליך ארויסדרייען פון דער רעגירונג בדרך נס, אדער, לאמיר בעסער נישט רעדן.... אל תפתח פה... אוודאי גייען די קינדער נאך גיין מיט א קאפל און ציצית, אבער וואס גייט דורכנעמען זייערע יונגע מח און הארץ??!!

זענען מיר פארזיכערט אז נישט??

הלוואי הלוואי זאל איך נישט זיין גערעכט!

טייערע אידן טאמער וועט מען אויפווייזן אז מיינע רייד זענען נישט ריכטיג און דער חשש איז נישט אזוי גרויס, וועל איך טאנצן פאר פרייד און מאכן א סעודת הודאה, אבער דערווייל זעהט מיר אויס אז מ'דארף אנטוהן א שק ואפר אזוי ווי מרדכי הצדיק האט געטוהן און לויפן אין די גאסן און שרייען, ומרדכי ידע את כל אשר נעשה ויזעק זעקה גדולה ומרה!! און שרייען דער געשריי פון אסתר המלכה איככה אוכל וראיתי באבדן מולדתי?!!

איך וויל דערציילן אביסל היסטאריע. ביי דער צווייטע וועלט מלחמה האט הרה"ק רבי אהרן מבעלזא זצוק"ל זיך ארויסגעכאפט

פון די נאצישע נעגל בדרך נס ופלא, מיט צענדליגע ניסים גלויים למעלה מדרך הטבע, און ברוב חסדי השי"ת אנגעקומען קיין ארץ ישראל אום חודש שבט ה'תש"ד.

ביי דער ערשטע געלעגנהייט וואס דער בעלזער רב האט געהאט, האט ער צאמגערופן א קריטיש וויכטיגע עצרת תפילה, און אלע רבנים פון ארץ ישראל האבן גע'חתמ'ט א קול קורא אז מ'איז גוזר תענית און ס'גייט פארקומען א ריזן יום תפילה להצלת אחינו בני ישראל בארצות הגולה וואס זענען געווען אונטער נאצישע הענט רח"ל, ס'האט דעמאלס גע'חתמ'ט דער קול קורא, דער בעלזער רב מיט הרה"ק בעל אמרי אמת פון גור זצוק"ל, און אלע רבנים פון דער עדה החרדית און נאך פילע רבנים, און דער יום תפילה מיט דער יום התענית איז געווען באשטעטיגט פאר אלע אידן פון דער גאנצע וועלט, אין ירושלים האבן טויזנטער אידן זיך צאמגענומען און זיך אויסגעבעטן ביים מלך הרחמן שירחם על שארית הפליטה. און אוודאי האט תפילות ישראל עושה רושם געווען. אבער מיר ווילן דא צולייגן אז באמת וואלט מען געדארפט דא היינט ביי דער ביטערע מצב וואס מיר שטייען היינט מאכן די זעלבע זאך, מ'דארף יעצט אוועק לייגן אלע פאליטיק און נארישקייטן און חשבונות, און זיך צאמנעמען אויף א פאראייניגטע עצרת תפילה והתעוררות און אויסשרייען צום מלך רחמן, שירחם המרחם, און ער זאל מבטל זיין דער גאנצע גזירה הנוראה, און מיר זאלן קענען ערציען אונזערע דורות אומגעשטערטערהייט!

# עם ה' חזקו ונתחזקה!!

**פארזעצונג פון לעצטע זייט**

אבער ביים ראש הממשלה איז עס געווען אינגאנצן אנדערש. דער ראש הממשלה האט אויפגענומען די צדיקים בכבוד הראוי, און ער איז געזעצן איבערגעבויגן צו הערן די רייד פונעם חפץ חיים זצוק"ל.

דער חפץ חיים האט דערציילט פאר'ן ראש ממשלה אז פאר 64 יאר צוריק האט מען אריבערגעפירט דורך זיין שטאט פולישע גוים געקייטעלט, די רוסישע פאליציי האבן זיי מורא'דיג געפייניגט, און ס'האט מיר מורא'דיג וויי געטוהן דאס צוצוקוקן, און איך בין אריין אין צימער און געבעטן דעם רבש"ע אז די מענטשן ווילן לעבן א פרייע לעבן פארוואס קומט זיך זיי אזעלכע פיינונגען?

דער חפץ חיים האט צוגעלייגט "יעדן טאג דאווען איך פאר דער וואוילזיין פון מדינת פולין. יעצט, כל זמן וואס דער רעגירונג מישט זיך נישט אריין אין אונזערע ענינים זענען מיר פולקאם אונטער אייער רשות, מיר ווען צאלן אלע שטייערן א.א.וו. **אבער טאמער וועט איר זיך אריינמישן אין אונזערע אידישקייט וועט איר האבן א מפלה אזוי ווי אלע אונזערע שונאים אין אלע דורות"!!!**

דער איבערטייטשער'ס פנים איז געווארן ווייס ווי שניי, ער איז געווען דערציטערט אז ער דארף יעצט איבערזאגן די דברים כדרבונות פונעם סבא קדישא פאר'ן ראש ממשלה, אזוי ווי דער ראש ממשלה האט באמערקט אז ער קווענקלט זיך יא איבערצוזאגן אדער נישט, האט ער זיך אנגערופן "דו דארפסט גארנישט איבערזאגן, איך פארשטיי אלעס, **איך פארשטיי דער שפראך פונעם הארץ"!!!**

דער ראש ממשלה האט גלייך ארויס געגעבן א פארלאנג אפצושטעלן אלע גזירות קעגן דת יהודי!!

(די גאנצע מעשה באריכות, איז געדריקט אין ספר בשבילי ראדין פרק כ"ה)

**טייערע אידן! דער אייבערשטער געבט נישט א נסיון וואס אונז קענען נישט ביישטיין, מ'דארף נאר גיין אין די הייליגע פיסטריט פונעם חפץ חיים זצוק"ל מיט מסירת נפש און הארץ און בעזהי"ת וועט מען מבטל זיין דער גאנצע גזירה!**

צו הערן דרשות פון הרבנים הגאוה"צ שליט"א אלעס ארום דעם מצב החינוך

רופט דעם **אור החינוך טעלעפאן ליין 718-362-8838**



# בינו שנות דור ודור

## אן היסטארישע קאפיטל איבער דער פייערדיגע קאמף פון
## דער הייליגע חפץ חיים זצוק"ל
## וואס ער האט געהאלטן קעגן לערנען לימודי חול

אין יאר תרפ"ט האט די רעגירונג אין פולין באשטימט - נאך די שטיצע און העצע פון די אפגעפארענע אידן וואס האבן פארשפרייט השכלה - אז די אידישע מוסדות התורה זאלן לערנען לימודי חול, און זייער ציהל איז געווען חלילה אויסצורייסן אידישקייט, ענדליך צו די היינטיגע 'יאפפעד'. (זע בייגעלייגטע אויסצוג*)

איינע פון די געזעצן אזוי ווי היינט איז געווען אז אלע מלמדים האבן געדארפט זיך פארהערן אויף די לימודים און האבן א ספעציעלע לייסענס צו קענען פארלערנען זייערע לימודים און נאך ענדליכע גזירות.

דער רבן ולבן של ישראל מרן החפץ חיים זצוק"ל האט מורא'דיג שטארק חושש געווען אז די גזירות קענען לייגן די גאנצע קיום התורה והמצוות אין א געוואלדיגע סכנה, און טראץ זיין טיפע עלטער פון איבער נייניציג יאר האט ער באשלאסן אז ער דארף טוהן אלעס אין דער וועלט כדי צו צושטערן די גזירה למען קיום הדת!

די ערשטע זאך האט דער חפץ חיים אפגעשריבן א בריוו צום נשיא פון פולין, ווי ער האט מסביר געווען די גרויסע סכנה וואס די גזירות זענען פאר קיום התורה ויהדות. אבער נאך וואס ער האט געזען אז ער באקומט נישט קיין ענטפער האט ער אפגעמאכט אז מ'דארף מאכן א גרויסע אסיפת הרבנים אין ווארשא כדי מטכס עצה זיין כדת מה לעשות.

אין א בריוו וואס דער חפץ חיים זצוק"ל האט אפגעשריבן פאר די רבנים (נדפס באגרות ח"ח אגרת צ"ג עיי"ש), שרייבט ער בתוך הדברים **"אונז זענען מחוייב צו טוהן אלעס וואס מיר קענען עד כדי מסירת נפש!** און כאטש אזא נסיעה איז פאר מיר מורא'דיג שווער צוליב מיין עלטער, און ס'קען גאר זיין א סכנה פאר מיר, אבער מיט דעם אלעמען וועל איך נישט קוקן אויף דעם און איך וועל זיך אי"ה אויך פערזענליך באטייליגן"!

דער חפץ חיים האט געוואוסט אז דורכן עוסק זיין אין מבטל זיין די גזירת הממשלה האט מען אים געקענט איינזעצן, ער האט נישט געקוקט אויף גארנישט אין איז געווען גרייט אפילו אויף דעם אויך!

איידער דער אסיפה איז הרה"ק בעל אמרי אמת מגור זצוק"ל אריין צום חפץ חיים, און דער הייליגער חפץ חיים האט אים געפרעגט, "דער גזירה איז גאר א שווערע גזירה, אבער א רבי האט דאך אסאך חסידים, איך פרעג איי ך זענען ענק גרייט צו גיין בחרב ובחנית במסירת נפש"? האט דער גערער רבי גע'ענטפערט יא! האט דער חפץ חיים געזאגט אויב אזוי קען מען אנפאנגען דער מערכה!

איידער דער אסיפה האט דער חפץ חיים זיך פארשפארט אין א צימער אליין, ס'איז געווען דארט א אינגל וואס איז געווען זייער נייגעריג צו זעהן וואס דער חפץ חיים טוט, און ער האט זיך אונטערגעהערט וואו דער חפץ חיים רעדט צו זיך און זאגט "ישראל מאיר! זעה וואס פאר א קידוש השם דו האסט גורם געווען, זעה וויפיל גדולי פולין האבן זיך דא צאמגענומען בזכותך, ישראל מאיר! האסט דאך דאס געקענט טוהן פאר אסאך יאר צוריק, פארוואס האסטו געווארט אזוי לאנג"?? און דער חפץ חיים האט אויסגעפלאצט אין א געוויין און געזאגט "ישראל מאיר! פארוואס האסטו געווארט אזוי לאנג, וואס וועסטו ענטפערן אויף דעם אין בית דין של מעלה"??

אזוי האט ער געוויינט פאר עטליכע מינוט און דערנאך ארויס געקומען צום אסיפה! ביים אסיפה האט זיך באטייליגט איבער 400 רבנים ואדמורי"ם וראשי ישיבות.

דער החלטת האסיפה איז געווען אז דער חפץ חיים זצוק"ל וועט גיין צוזאמען מיט הרה"ק מגור זצוק"ל, מיט הרה"ק מהר"א מבעלזא זצוק"ל צו דער ראש המשכילים, און דערנאך צום ראש הממשלה פון פולין.

דער ראש המשכילים האט זיי אויפגענומען שלא בכבוד הראוי, און דער יונג האט נישט אויסגעלעבט דעם יאר!

פארזעצונג אויף עמ' ה'


Instruction provided by competent teachers: Teachers must have the appropriate knowledge, skill, and disposition to deliver substantially equivalent instruction (*i.e.*, must demonstrate licenses held, school's recruitment and hiring practices and evidence that teachers satisfy those criteria).

**להערות והארות או לקחת חלק בזכות הוצאות הגליון נא להתקשר אל (917) 727-7270**